פארשטאנדיק ווי מ'קען אזוי זאגן - ווען קיום רצון של הקב"ה דארף זיין בפשטות ע"פ דין שו"ע?!

און דערנאך איז ער נאך מוסיף: "בטל רצונך מפני רצונו" - אויך אן ענין וואס איז ע"פ דין שו"ע לכאורה, און גיט אויף דעם אויך א טעם - "כדי שיבטל רצון אחרים מפני רצונך"?!

און דערצו זאגט עס רבן גמליאל באופן פון "הוא הי' אומר", לשון הוה, ד.ה. אז ער האט עס געהאלטן אין איין זאגן שטענדיק[101] - כאטש דאס איז לכאורה אן ענין הפשוט בשו"ע?

וכפי שיתבאר לקמן.

כו. אין הל' בית הבחירה להרמב"ם וועט מען זיך אפשטעלן אויף אן ענין אין פרק ששי, וויבאלד אז מ'האלט איצט באלף הששי:

בתחלת הפרק שרייבט דער רמב"ם: "המקדש כולו לא הי' במישור אלא במעלה ההר".

דער טעם פארוואס דער רמב"ם הויבט אן בצד השלילה "המקדש כולו לא הי' במישור אלא במעלה ההר" און ניט לכתחילה בחיוב "המקדש כולו הי' במעלה ההר" - יש לומר:

וויבאלד אז דער בית המקדש איז געקומען בהמשך צום משכן, ווי דער רמב"ם אליין שרייבט בפרק א' מהל' ביהב"ח[102], וואס דער משכן איז געווען די התחלה פון כל הענין דהשראת השכינה בבית למטה, און דער משכן איז געווען "הראת בהר"[103], און אלס המשך לזה איז געווען דער בית המקדש; און דער משכן איז געווען במישור (אין מדבר) ניט במעלה ההר - וואלט געקענט זיין א קס"ד אז אויך דער מקדש איז במישור. דעריבער הויבט דער רמב"ם גלייך אן מיט צד השלילה: "המקדש כולו לא הי' במישור (ניט ווי דער משכן) אלא במעלה ההר".

דערנאך איז דער רמב"ם ממשיך: "כשהאדם נכנס משער מזרחי של הר הבית מהלך עד סוף החיל בשוה, ועולה מן החיל לעזרת הנשים בשתים עשרה מעלות כו' (און זאגט די מאס פון רום כל מעלה), ומהלך כל עזרת הנשים בשוה, ועולה ממנה לעזרת ישראל שהוא תחלת העזרה בחמש עשרה מעלות כו', ומהלך כל עזרת ישראל בשוה ועולה ממנו לעזרת הכהנים במעלה גבוהה אמה כו'", און דארטן גופא זיינען פאראן נאך שלש מעלות, "ומהלך כל עזרת הכהנים והמזבח, ובין האולם למזבח בשוה, ועולה משם לאולם בשתים עשרה מעלות כו',

---

101) רע"ב אבות פ"א מ"ב. 102) בתחלתו. וראה לקו"ש חט"ז ע' 302 ואילך. חכ"א ע' 149. 103 תרומה כו, ל.

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

והאולם וההיכל כולו בשוה".

דארף מען פארשטיין:

ענינו פון מקדש איז – אז דארטן זאל זיין "ושכנתי בתוכם"[104] ע"י עבודת האדם, און ווי דער רמב"ם שרייבט[105]: "בית לה' מוכן להיות מקריבים בו הקרבנות וחוגגין אליו שלש פעמים בשנה", "יראה כל זכורך את פני האדון ה'"[106].

וואס עפ"ז איז מובן אז די אלע פרטי הדינים בתבנית המקדש זיינען בדיוק נוגע און זיינען בהכרח דא אין עבודת האדם פון הקרבת הקרבנות וחגיגת הרגלים שלש פעמים בשנה כו' דורך וועלכע ער טוט אויף דעם "ושכנתי בתוכם".

דארף מען פארשטיין: וואס איז דער ענין אין עבודת האדם פון "המקדש כולו לא הי' במישור אלא במעלה ההר", און די אלע מעלות פון חיל לעזרת נשים, מעזרת נשים לעזרת ישראל, מעזרת ישראל לעזרת כהנים, און מעזרת כהנים לאולם?

ולאידך גיסא: וויבאלד אז די אלע מעלות דארפן זיין אין עבודת האדם (וויבאלד אז אזוי איז געווען אין מקדש) – א) פארוואס איז דער משכן ניט געווען במעלה ההר, און ניט געווען ביי אים די אלע מעלות לאחרי זה? ב) פארוואס זיינען ניט געווען קיין מעלות פון היכל לקדש הקדשים, דאדרבה: אויב עס זיינען דא מעלות פון יעדן חלק בביהמ"ק ביז דעם חלק שגבוה ממנו (מחיל לעזרת נשים, מעזרת נשים לעזרת ישראל וכו'), האט דאך זיכער געדארפט זיין עליות פון קודש אין קדה"ק, וואס איז די דרגא הכי גבוהה אין מקדש?!

וכפי שיתבאר לקמן.

כז. דער היינטיקער שיעור רמב"ם (ג' פרקים ביום) איז פרקים י"ב-י"ד דהל' איסורי ביאה.

אין דעם שיעור הויבט זיך אן הלכות גירות [הלכות גירות ביים רמב"ם זיינען א חלק פון הלכות איסורי ביאה – פי"ג-יד] – וואס דאס איז אן ענין הנוגע בימים אלו ווען מ'רעדט וועגן דעם ענין פון גיור כהלכה.

בריש פי"ג הויבט אן דער רמב"ם: "בשלשה דברים נכנסו ישראל לברית, במילה וטבילה וקרבן", און איז מסביר ווי ס'איז געווען

---

104) שם כה, ח. 105) ריש הל' ביהב"ח. 106) תשא לד, כג.

מ׳איז מברר דעם ענין פון "הב הב" דלעו"ז.

ביז אז מ׳גייט ארויס פון מדבר, און מ׳קומט אן אין ארץ הקודש, כניסת הארץ וכיבוש הארץ וחלוקת הארץ, מ׳באקומט א חלק בארץ און א חלק הבכור (פי שנים). און דערצו ווערט דורך דעם (די תביעה פון "הב הב") ניתוסף א פרשה בתורה, בעבודה - דער ענין פון לימוד התורה באופן פון "לאפשה בה"[155].

לט. ע"ד הנ"ל וועט מען אויך פארשטיין דער ענין אין עבודת האדם פון די עליות בביהמ"ק - "המקדש כולו לא הי׳ במישור אלא במעלה ההר", און דערנאך די עליות מחיל לעזרת נשים לעזרת ישראל לעזרת כהנים לאולם":

בעבודתו פון א אידן דארף ער שטענדיק נתעלה ווערן העכער און העכער, "ילכו מחיל אל חיל"[156] באופן פון "אין להם מנוחה"[157]. ער דארף שטענדיק שרייען "הב הב" און וועלן נתעלה ווערן העכער און העכער בקדושה. אויב ער שרייט ניט שטענדיק "הב הב", איז א ראי׳ אז ער איז צופרידן מיט דעם ארט וואו ער געפינט זיך און וויל ניט נתעלה ווערן העכער. א איד דארף אבער שטענדיק נתעלה ווערן, דערפאר מאנט זיך אז ער זאל אלעמאל שרייען "הב הב" און וועלן מער און מער אין קדושה.

און דאס איז דער ענין אין עבודת האדם פון די אלע עליות אין ביהמ"ק: דאס וואס "המקדש כולו לא הי׳ במישור אלא במעלה ההר", און די עליות נאך העכער לעזרת נשים, ומעזרת נשים לעזרת ישראל, ולעזרת כהנים ולאולם - איז דערפאר וואס אזוי איז דאס ברוחניות הענינים, בהתאם צו מעלת וקדושת כל חלק במקדש, ד.ה. אז דער עזרת נשים איז העכער בגשמיות פון "חיל" ווייל זי איז העכער ברוחניות, ועד"ז בנוגע שאר הדרגות. און אזוי דארף זיין בעבודת האדם (וואס ע"ז ווערט "ושכנתי בתוכם"), אז עס דארף שטענדיק זיין עליות זה למעלה מזה. און אין ביהמ"ק דריקט זיך דאס אויס ביז בגשמיות תבניתו, אז "המקדש כולו לא הי׳ במישור אלא במעלה ההר", און די אלע עליות למעלה מזה בכל הדרגות הנ"ל.

דעריבער דארף א איד זיך מתבונן זיין על מנת צו זיך אפלערנען בנוגע לעבודתו פון אלע פרטים בתבנית המקדש, כולל דאס וואס "המקדש כולו לא הי׳ במישור אלא במעלה ההר" און די אלע מעלות למעלה מזה.

און בשעת א איד איז זיך אין דעם מתבונן - לערנט דאס אים בעבודתו, אז ער דארף שטענדיק נתעלה ווערן בעבודתו. ובמקום

155) זח"א יב, ב. וראה אגה"ק סכ"ו (קמו, א). הל׳ ת"ת לאדה"ז פ"ב ס"ב. 156) תהלים פד, ח. 157) סוף ברכות. סוף מו"ק.

הנחה בלתי מוגה

SichosKodesh.com

שמחשבתו של אדם שם הוא נמצא[158] - בשעת ער טראכט זיך אין דעם אריין כדבעי - גייט ער טאקע ארויף אויף די אלע מעלות אין ביהמ"ק: בתחלת העבודה - ווערט ער גלייך נתעלה (במעלה ההר), און שטייט ניט במישור. דערנאך בלייבט ער ניט שטיין בדרגת העלי' פון דעם ביהמ"ק (במעלה ההר), נאר מ'מאנט ער זאל נתעלה ווערן נאך העכער - לעזרת נשים. און דערנאך נתעלה ווערן נאך העכער - לעזרת ישראל. און נאך העכער - לעזרת כהנים, און נאך העכער - לאולם - שטענדיקע עליות, זה למעלה מזה.

מ. לפי"ז ווערט די שאלה לאידך גיסא (כנ"ל): וויבאלד אז ס'איז א הכרח בעבודת האדם אז ער זאל שטענדיק נתעלה ווערן העכער און העכער (און דערפאר זיינען דא די אלע מעלות אין ביהמ"ק) - א) פארוואס זיינען ניט געווען קיינע מעלות אין משכן, וואס ענינו איז אויך "ושכנתי בתוכם", פארבונדן מיט עבודת הקרבנות כו' בעבודת האדם, און ב) פארוואס זיינען ניט געווען קיינע מעלות פון קודש אין קדש הקדשים?!

דער ביאור בנוגע צום חילוק פון משכן ומקדש, וואס "המקדש כולו לא הי' במישור אלא במעלה ההר", משא"כ דער משכן - וועט מען פארשטיין ע"פ המבואר אין דעם פריערדיקן מאמר[159] בשאלה הידועה[160] "למה עבודת הקרבנות תלוי' בבית המקדש דוקא, משא"כ שאר המצות ות"ת כו' ואפילו מחשבה ודבור דקרבנות שהם תפלה שכנגד הקרבנות[161] כו' יכולן לקיימן בזמן שאין ביהמ"ק קיים ג"כ".

און מ'האט מבאר געווען[162], אז דער אויפטו פון די קרבנות גשמיים איז געווען, אז "בקרבנות הי' הגילוי בפועל ממש בקרבן" בגשמיות, און דאס האט גע'פועל'ט א שינוי בגלוי בגשמיות העולם.

ואע"פ אז אויך שאר המצוות זיינען בגשמיות - זיינען אבער פאראן דרגות אין גשמיות גופא: "בכל המצוות הגילוי הוא בנפש"[162], ד.ה. אז אע"פ וואס מ'טוט אן תפילין בגשמיות על היד והראש גשמי, זעט מען אין דעם ניט בגלוי קיין שינוי בגשמיות [בכדי עס זאל אויפגעטאן ווערן א מעין שינוי בגשמיות - דארף מען אנקומען צו תפלה (כנגד הקרבנות), וואס טוט אויף א רצון חדש, כמבואר באגה"ק[163]] - און דער עיקר אויפטו פון די מצוות איז דער גילוי בנפש ברוחניות;

---

158) כש"ס (הוצאת קה"ת) הוספות סל"ח. וש"נ. 159) ד"ה צו את בנ"י - דש"פ פינחס. 160) לקו"ת ר"פ פינחס (עה, סע"ב). 161) ראה ברכות כו, ב. זח"ב כ, ב. שו"ע אדה"ז או"ח סצ"ח ס"ד. וש"נ. 162) מלקו"ת שם עו, ב. 163) קו"א ד"ה להבין מ"ש בפע"ח (קנה, א ואילך).

הנחות הת' בלתי מוגה

משא"כ "בקרבנות הי' הגילוי בפועל ממש בקרבן" בגשמיות, ביז אז דאס טוט אויף בכל גשמיות העולם, כמבואר בכ"מ[164] אז אין הקרבת הקרבנות זיינען געווען אלע פיר סוגים פון דצח"ם (דומם צומח חי מדבר): "על כל קרבנך תקריב מלח"[165] - וואס מלח איז דומם. נסכים יין, וסולת בקרבן מנחה - צומח. דער קרבן עצמו - חי. און בשעת הקרבת הקרבנות זיינען געווען כהנים בעבודתם לויים בדוכנם וישראלים במעמדם - מדבר. און הקרבת הקרבן - קרבן מלשון קירוב[166] - פועל'ט א קורבא עד רזא דא"ס[167], און איז דאס ממשיך בגלוי באופן אז דאס איז משנה גשמיות הדצח"ם.

און וויבאלד אז די קרבנות פועל'ן א שינוי בגלוי בגשמיות העולם - איז "הגילוי כזה א"א רק בבהמ"ק ולכן הקרבנות תלוין בבהמ"ק דוקא, משא"כ שאר המצות ואפילו מחשבה ודבור דקרבנות יכול להיות אפילו בגלות שלהיות הגילוי בנפש יכול להיות בכל זמן כו'"[162].

זעט מען דערפון אז עס זיינען דא דרגות אין די פעולה בגשמית ע"י מצוות: ע"י רוב המצוות, מצות תפילין וכיו"ב, איז די פעולה ברוחניות שבגשמיות, ווייל דאס פועל'ט ניט א שינוי בגלוי בגשמיות. משא"כ קרבנות בביהמ"ק פועל'ן בגשמיות שבגשמיות א שינוי בגלוי.

און מ'זעט אויך אז דער ביהמ"ק הגשמי דוקא איז א מקום מוכשר און דעמולט איז געווען א זמן מוכשר אויף די המשכה ופעולה גשמית ע"י קרבנות גשמיים וואס פועל'ן א שינוי בגלוי בגשמיות העולם.

מא. עד"ז יש לבאר דער חילוק אין מקדש גופא צווישן משכן מדבר און בית המקדש - אז כאטש אין ביידע האט מען מקריב געווען קרבנות, איז אבער דא דרגות אין די פעולה זייערע בגשמיות העולם.

כמבואר בכ"מ[168] דער חילוק צווישן משכן ומקדש, אז דער משכן איז געווען א "דירת עראי" צום אויבערשטן[169], כמ"ש[170] "ואהי' מתהלך באוהל", משא"כ דער בית המקדש איז געווען א דירת קבע[171].

און ווי מ'איז מבאר דער חילוק[172], אז דער משכן איז געווען בעיקר פון (קרשים) ארזים, עצי שטים[173] - צומח, און דער ביהמ"ק

---

164) ראה גם מאמרי אדה"ז אתהלך לאזניא ע' קלב. 165) ויקרא ב, יג. 166) ראה בחיי ויקרא א, ט. ועוד. 167) ראה זח"ב קלט, א. זח"ג כו, ב. 168) תו"א ר"פ ויגש. ובכ"מ. וראה לקו"ש ח"ו ע' 17. וש"נ. 169) ראה שהש"ר פ"א, טז (ג). 170) שמואל ב ז, ו. 171) ראה שהש"ר שם. תו"א שם. 172) ראה תו"א שם. לקו"ש שם. 173) תרומה כו, טו.

הנוסח הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

איז געווען בעיקר פון אבנים – דומם, וואס איז נידעריקער בגשמיות (גשמיות שבגשמיות) פון סוג הצומח. ד.ה. אז דער ביהמ"ק האט מערער דורכגענומען און דורכגעדרונגען גשמיות העולם ווי דער משכן, דערפאר איז דאס געווען געבויט פון אבנים, דומם.

און דעריבער איז דער ביהמ"ק געווען א דירת קבע להקב"ה, ווייל קדושת המקדש האט גע'פועל'ט א שינוי (קדושה) במקום המקדש הגשמי, דערפאר בלייבט עס א דירת קבע. משא"כ דער משכן האט גע'פועל'ט א קדושה במקום המשכן אין מדבר נאר בשעת מעשה וואס דער משכן איז דארטן געווען, אבער דערנאך איז די קדושה ניט געבליבן, און דער עפר המשכן איז געבליבן עפר המדבר (ניט קדושה), דעריבער איז דאס נאר א "דירת עראי".

ועפ"ז יש לבאר פארוואס דער ענין פון עליות בקדושה האט דורכדרונגען נאר גשמיות תבנית המקדש אבער ניט באם משכן מדבר:

וויבאלד אז דוקא דער ביהמ"ק האט גע'פועל'ט א שינוי בגשמיות עפר המקדש - דעריבער, היות אז דער מקדש העכער ברוחניות (במעלה) פאר די מקומות ארום דעם מקדש (און אזוי דארף זיין בעבודת האדם בקדושה, באופן פון עלי', "ילכו מחיל אל חיל") האט עס דורכגעדרונגען בגשמיות מקום ועפר המקדש, אז "המקדש כולו לא הי' במישור אלא במעלה ההר".

ועד"ז – וויבאלד אז בקדושה רוחנית איז דער עזרת נשים העכער פאר דער "חול" במקדש – האט דאס גע'פועל'ט בגשמיות עפר העזרת נשים, אז מ'האט געבויט כמה מעלות צווישן דעם חיל און עזרת נשים, אזוי אז דער עזרת נשים זאל זיין העכער. ועד"ז – וויבאלד אז די קדושה רוחנית פון עזרת ישראל איז העכער פאר עזרת נשים, ועזרת כהנים העכער פאר עזרת ישראל, ואולם העכער פאר עזרת כהנים – האט דאס אלץ גע'פועל'ט א שינוי בגשמיות מקום ועפר דמקומות אלו במקדש, אז זיי זאלן געבויט ווערן כמה מעלות העכער פאר דעם מקום שלפנ"ז.

משא"כ אין משכן וואס האט ניט דורכגענומען און גע'פועל'ט א שינוי בפנימיות בגשמיות מקום ועפר המשכן אין מדבר [בשעת מעשה האט עס גע'פועל'ט א שינוי, ועד"ז דער כללות מציאות וואס אין מדבר זיינען געווען ששים ריבוא מישראל האט גע'פועל'ט א שינוי במקום המדבר, כמבואר במס' שבת[174] בנוגע צו דין הרשות פון מדבר בשעת אידן זיינען דארטן געווען; אבער לאחרי ווי דער משכן און

174) ראה שבת מט, ב. צח, א.

הנוסח הח' בלתי חוגה

אידן זיינען פון דארטן אוועק איז דאס געבליבן מקום ועפר המדבר) – דעריבער איז די קדושה רוחנית במשכן האט ניט גע'פועל'ט בגשמיות מקום ועפר המשכן, אז דער משכן זאל זיין במעלה ההר (ולא במישור) בגשמיות, ועד"ז די אנדערע חלקים אין משכן.

מב. במה דברים אמורים – אז איין מקום אין בית המקדש איז געווען העכער בגשמיות פון די מקומות שלמטה מזה בקדושה (רוחנית) – ווען דאס רעדט זיך וועגן דרגות בקדושה וואס זיינען פארבונדן מיט מעלה ומטה;

בשעת עס רעדט זיך אבער וועגן קדש הקדשים (וואס איז געווען סיי אין משכן און סיי אין ביהמ"ק), וואס איז לגמרי העכער מגדר מעלה ומטה, דארטן איז געווען דער אבן השתי' פון כ'ווייס ווען, ועלי' איז געווען דער ארון[175] [און אויך נאך חורבן הבית איז דער ארון דארט געבליבן נגנז[176], בלשון חז"ל[176*] "ששם ארון גנוז"], מיט די כרובים, וואס "כרוב אחד מקצה מזה"[177] איז "קצה אוא"ס שבבז"א", סוף עולמות הא"ס, "וכרוב א' מקצה מזה הוא מקור בי"ע" (כמבואר בתורה אור ב"כי"ק אדמו"ר נ"ע"[178]), ד.ה. א דרגא וואס איז העכער פאר גדר מעלה ומטה – במילא ווען עס רעדט זיך וועגן קדה"ק וואס איז העכער פאר גדר מעלה ומטה, פאסט ניט זאגן אז בכדי דארטן אנקומען דארף מען ארויפגיין אזויפיל און אזויפיל (אלף אלפי אלפים וכיו"ב) טרעפלעך!

ויש להאריך בזה, ותן לחכם ויחכם עוד.

מג. דער ביאור אין היינטיקן שיעור רמב"ם – די סתירה צווישן הל' איסו"ב והל' מחו"כ בנוגע לגירות:

לכאורה וואלט מען געקענט מסביר זיין פירוש הרגוצובי אזוי – ובהקדים:

דער לשון הרמב"ם אין הל' מחו"כ איז ""קרבנו עכבו להיות גר גמור ולהיות ככל כשרי ישראל כו' עדיין לא נעשה ככשרי ישראל". וואס דאס איז א לשון בלתי רגיל – דער לשון הרגיל בזה איז "ישראל כשר" [צדיק, צדיק גמור, צדיק שאינו גמור, בינוני וכיו"ב] און ניט "כשרי ישראל". קען מען עפ"ז אפשר זאגן אז דער פירוש אין "כשרי ישראל" איז מלשון הכשרה, שעת הכושר וכיו"ב.

ד.ה. אז "קרבנו עכבו כו' להיות ככל כשרי ישראל" מיינט,

---

175) רמב"ם הל' ביהב"ח רפ"ד. 176) רמב"ם שם. וראה לקו"ש חכ"א ע' 165 ואילך. 176*) יומא נד, א. 177) תרומה כה, יט. 178) תרומה פא, ב.



SichosKodesh.com